# ווײַטער

אינטערנעץ־אויסגאַבע פֿאַר די וואָס לערנען זיך ייִדיש

ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער „פֿאָרווערטס“־אַסאָציאַציע

פֿאָרווערטס

איז די עלטסטע ייִדישע צײַטונג
אין דער וועלט
געגרינדעט אין יאָר 1897

www.yiddish.forward.com/vayter

נומער 5 (58) ✦ תשע״ג – 2012 ✦ זיבעטער יאָרגאַנג




Credit: Catherine Leuchter

# דער פּאַריזער סימפּאָזיום „ייִדיש — נאָך אַלץ און ווײַטער“


פֿון יצחק ניבאָרסקי (פּאַריז)


דעם 12טן און 13טן נאָוועמבער, איז אונטערן דאַך פֿון „אונעסקאָ“ פֿאָרגעקומען דער סימפּאָזיום „ייִדיש – נאָך אַלץ און ווײַטער“. דער עולם האָט אויף יעדער זיצונג געציילט צווישן 250 און 400 צוהערערס. דעם סימפּאָזיום האָט אָרגאַניזירט די פֿאַרשטייערשאַפֿט פֿון „בני־ברית“ בײַ דער „אונעסקאָ“, מיט דער מיטווירקונג פֿון פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק. ער איז געווען אָפּגעגעבן די נײַע דרכים און מיטלען, מיט וועלכע מען אַרבעט הײַנט איבער דער וועלט אויף איבערצוגעבן די ייִדישע שפּראַך און די ייִדישע קולטור.

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע איז אַזאַ טעמאַטיק אַרומגעשמועסט געוואָרן, און טאַקע מערסטנס אויף מאַמע־לשון, אויף דער חשובֿער טריבונע פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פֿאַר קולטור און דערציִונג. הײַנט וועלן מיר איבערגעבן דעם רושם וואָס עס האָבן געמאַכט די רעפֿעראַטן און דיסקוסיעס.

די זיצונג וועגן „המשך פֿון לעבעדיקן ייִדיש“, האָט געבראַכט דעם ברייטן עולם גרוסן וועגן געביטן, פֿון וועלכע דאָס רובֿ אין אייראָפּע ווייסן אַפֿילו נישט, אַז זיי קענען עקזיסטירן. קודם־כּל, דערציִונג פֿון קינדער אויף אָדער מיט ייִדיש. שמעון נויבערג, פּראָפֿעסאָר פֿון טריר־אוניווערסיטעט, האָט אַנאַליזירט, אויפֿן סמך פֿון אייגענער פּראַקטיק, די פֿאַרמעסטן פֿון רעדן ייִדיש מיט די אייגענע קינדער אין אַ משפּחה וואָס איז אויך אָן דעם פֿילשפּראַכיק (פֿראַנצייזיש, דײַטש און צו ביסלעך ענגליש); און באַזונדערס דערציילט וועגן די אָנשטרענגונגען צוצושטעלן פּאַסנדיקע ביכלעך אויף ייִדיש פֿאַר די אייגענע קינדער און פֿאַר אַנדערע פֿונעם נישט־ברייטן קרײַז וועלטלעכע משפּחות, ווו ס׳איז פֿאַראַן דערויף אַ נאָכפֿרעג.

בנימין מאָס פֿון באַלטימאָר (דזשאָנס האָפּקינס־אוניווערסיטעט) האָט אַנאַליזירט דעם אידעאָלאָגישן צד־השווה און צד־השונה צווישן ייִדישיסטישע משפּחות מיט פֿאַרשיידענע גראַדן צוגעבונדנקייט צו רעליגיע און טראַדיציע, און באַשריבן אַ מאָדעל פֿון אַ ייִדישיסטישער מיניאַטור־קהילה וואָס זוכט זיך נישט אָפּצוטיילן, נאָר דווקא זיך פֿעסט אײַנצווואָרצלען מיט איר ייִדישיזם אין די ברייטערע שטראָמען פֿון אַמעריקאַנער ייִדישן לעבן.

יאַנקל־פּרץ בלום, פֿון ניו־יאָרקער


(סוף אויף זײַט 7)

# פֿופֿצן סימפּאָזיומס פֿון ייִדישע שטודיעס אין דײַטשלאַנד

אָנהייב סעפּטעמבער איז צום 15טן מאָל דורכגעפֿירט געוואָרן דער סימפּאָזיום פֿון ייִדישע שטודיעס אין דײַטשלאַנד. הײַיאָר איז עס פֿאָרגעקומען אין דיסעלדאָרף. אַזוי גייט עס יאָר־אײַן יאָר־אויס: דער דיסעלדאָרפֿער אוניווערסיטעט און דער טרירער אוניווערסיטעט, ווו עס באַזירן זיך די הויפּט־צענטערס פֿאַר ייִדיש־פֿאָרשונג, פֿירן דורך דעם סימפּאָזיום לויט אַ ריי. איניציִירט האָבן די דאָזיקע אַקאַדעמישע אונטערנעמונג די פּראָפֿעסאָרן עריקאַ טים און מאַריאָן אַפּטרוט. צום ערשטן מאָל האָט מען זיך צונויפֿגעקליבן אין יאָר 1998.

עס וואָלט געווען ניט ריכטיק צו רעדן וועגן דעם סימפּאָזיום ווי אַ ריין דײַטשישן אַקאַדעמישן פֿאָרום פֿאַר די לײַט, וואָס באַשעפֿטיקן זיך מיט „ייִדיסטיק“ – אַזוי רופֿט מען אויף דײַטש דעם דאָזיקן געביט פֿון וויסנשאַפֿט. למשל, הײַיאָר זײַנען צווישן די רעדנערס געווען געלערנטע פֿון דער שווייץ, די פֿאַראייניקטע שטאַטן, פֿראַנקרײַך, פּוילן, האָלאַנד, גרויס־בריטאַניע און ליטע. בכלל, די אַקאַדעמישע צונויפֿקומענישן אין דיסעלדאָרף און טריר זײַנען געוואָרן אַ וויכטיקער טייל פֿון דעם אַקאַדעמישן קאַלענדאַר.

הײַנטיקס יאָר, אין סעפּטעמבער, האָבן פֿאָרשער פֿון ייִדיש און ייִדישער קולטור באַקומען אַן אמתע מתּנה: די אָרגאַניזאַטאָרן פֿון דעם סימפּאָזיום האָבן צוגעגרייט און אַרויסגעגעבן אַ גרויסן באַנד, וואָס הייסט „לקט: ייִדישע שטודיעס הײַנט“. דער באַנד טראָגט דעם נומער איינס – מע זאָגט צו צו פֿירן די סעריע ווײַטער.

דאָס בוך איז צונויפֿגעשטעלט פֿון 32 אַרטיקלען, אָנגעשריבן אויף ייִדיש, דײַטש אָדער ענגליש. די מחברים שטעלן פֿאָר אַ מין „ייִדיסטישן“ אינטערנאַציאָנאַל: דײַטשלאַנד, פּוילן, פֿראַנקרײַך, קאַנאַדע, ישׂראל, דענמאַרק, שוועדן, האָלאַנד, גרויס־בריטאַניע, ווי אויך די פֿאַראייניקטע שטאַטן און די שווייץ. צוויי אַרטיקלען אין דעם באַנד זײַנען דירעקט פֿאַרבונדן מיט דער געשיכטע פֿון דער צײַטונג „פֿאָרווערטס“.

יאַן שוואַרץ באַטראַכט די אַמעריקאַנער ליטעראַרישע קאַריערע פֿון יצחק באַשעוויס־זינגער. ער קומט צום אויספֿיר, אַז ס'איז איבערגעטריבן געוואָרן די אָפּגעריסנקייט פֿון באַשעוויס־זינגערן פֿון דער ייִדישער ליטעראַרישער סבֿיבֿה פֿון זײַן צײַט. אין אַ היפּשער מאָס האָבן זײַנע שאַפֿונגען, בפֿרט די וואָס ער האָט אָנגעשריבן נאָכן חורבן, געטראָגן דעם זעלבן כאַראַקטער ווי די ווערק פֿון זײַנע קאָלעגן פֿון דעם ייִדישן ליטעראַרישן צעך. אין דער פֿריִערדיקער תּקופֿה פֿון זײַן שאַפֿערישן וועג האָט אַ שטאַרקע השפּעה אויף אים געהאַט זײַן עלטערער ברודער, י. י. זינגער.

אינטערעסאַנט און וויכטיק איז אויך יאַן שוואַרצעס פֿאַרגלײַך פֿון ייִדישע און ענגלישע נוסחאָות פֿון באַשעוויס־זינגערס ווערק. דער ליטעראַטור־פֿאָרשער (ד״ר. שוואַרץ אַרבעט איצט אין שוועדן, אין דעם אוניווערסיטעט פֿון לונד) קומט צום אויספֿיר, אַז דער קלאַסיקער פֿון מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור האָט זיך אָפֿט מאָל באַצויגן ניט גענוג ערנסט צו די ערשטע – אויף ייִדיש – פּובליקאַציעס פֿון זײַנע ווערק, וואָס פֿלעגן זיך באַווײַזן אין דער צײַטונג „פֿאָרווערטס“. אַ סך ערנסטער, מיט מער התמדה האָט ער געאַרבעט, בדרך־כּלל צוזאַמען מיט איבערזעצערס, בײַם אויספֿאַרטיקן די ענגלישע נוסחאָות. די דאָזיקע צעצווייונג אין זײַן שאַפֿערישקייט וואַרפֿט זיך באַזונדערס שטאַרק אין די אויגן, ווען אויף ענגליש גייען אַרויס איבערזעצונגען פֿון ייִדיש, געמאַכט שוין נאָך דעם מחברס טויט, אָן זײַנע אייגענע פֿאַרבעסערונגען.

דער העלד פֿון גענאַדי עסטרײַכס פֿאָרשונג איז, ניט צו פֿאַרגלײַכן, ווייניקער באַקאַנט איידער יצחק באַשעוויס־זינגער. אין די 1920ער יאָרן איז זלמן ווענדראָף, אַ סאָוועטישער בירגער, געווען דער מאָסקווער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער צײַטונג „פֿאָרווערטס“. די געשיכטע פֿון זײַן מיטאַרבעט מיט דער צײַטונג, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי אַן אַנטי־סאָוועטישע טריבונע, שפּיגלט אָפּ די קאָמפּליצירטע באַציִונגען פֿון אויסלענדישע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס מיט דער סאָוועטישער מאַכט. ס'איז וויכטיק, אַז אין די 1920ער יאָרן איז אין אויסלאַנד נאָך ניט אין גאַנצן פֿאַרלוירן געוואָרן אַ האָפֿענונג, אַז דער סאָוועטישער רעזשים וועט ווערן בעסער, מער דעמאָקראַטיש.



אין די 1930ער יאָרן און שפּעטער, איז זלמן ווענדראָף געווען אַ ווייניק־באַקאַנטער ייִדישער פּען־מענטש. ער האָט מער איבערגעזעצט אויף ייִדיש, איידער געשריבן אייגענע ווערק. אַ ביסל מער באַוווּסט איז ער געוואָרן אין די 1950ער און 1960ער יאָרן, ווען אים איז אויסגעקומען צו שפּילן די בכּבֿודיקע ראָלע פֿון דעם עלטסטן סאָוועטיש־ייִדישן שרײַבן. מיטן „פֿאָרווערטס“ האָט ער שוין מער ניט מיטגעאַרבעט. אייניקע זײַנע נאָטיצן האָבן זיך געדרוקט אין דער ניו־יאָרקער קאָמוניסטישער צײַטונג „מאָרגן־פֿרײַהייט“. אַ צאָל דערציילונגען פֿון ווענדראָפֿן קען מען איבערלייענען אויך אויף ענגליש: אין 2004 איז אַרויס אַ זאַמלבוך, וואָס הייסט When it comes to living.

# שפּראַך־פּראָגן און ביכער



## די צוויי סובסטאַנטיוון „עלטער"

דאָס וואָרט „עלטער" רופֿט צו מאָל אַרויס אַ פּלאָנטער, ווײַל ייִדיש האָט, אין דער אמתן, צוויי „עלטערס", וואָס באַטײַטן פֿאַרשיידענע זאַכן.

איין וואָרט — „דער עלטער" — ווערט גענוצט ווען די רייד גייט וועגן דעם ווי אַלט עמעצער איז:

„זייערע זין זײַנען געווען פֿון איין עלטער."

„שרײַבן לידער האָט ער אָנגעהויבן זייער פֿרי, אין דעם עלטער פֿון צוועלף יאָר."

„איך האָב שוין דערגרייכט דעם עלטער, ווען מע קאָן פּענסיאָנירט ווערן."

אַן אַנדער וואָרט — „די עלטער" — מיינט די עלטערע יאָרן:

„די עלטער לאָזט זיך פֿילן, כאָטש מײַן קרעדאָ איז אַזאַ: אַלט זאָל מען ווערן, אָבער ניט זײַן."

„אויף דער עלטער האָט זיך אין אים אַנטפּלעקט אַ נײַער טאַלאַנט — ער האָט אָנגעהויבן מאָלן, און דווקא ניט שלעכט."

„צו וואָס מע איז געוווינט אין דער יוגנט, אַזוי טוט מען אויף דער עלטער."

אַגבֿ, די ערשטע דערציילונג פֿון יצחק באַשעוויס־זינגערן האָט געהייסן „אויף דער עלטער". זי איז אַרויס אין יאָר 1925 אין דעם וואַרשעווער וואָכנבלאַט „ליטעראַרישע בלעטער".



„זייערע זין זײַנען געווען פֿון איין עלטער."

## אַ נײַע גראַמאַטיק

ס'איז שווער צו זאָגן, ווי אַזוי דאָס האָט זיך באַקומען, אָבער דווקא פֿראַנקרײַך איז געוואָרן דער צענטער פֿון גרויסער שאַפֿערישער אַרבעט אין דעם געביט פֿון פּראַקטישער ייִדישער שפּראַך־וויסנשאַפֿט. די בעסטע לעקסי־קאָגראַפֿישע ווערק — ייִדישע ווער־טערביכער — גייען איצט אַרויס אין פּאַריז. קיין חידוש ניט, אַז אויך




אין פּאַריז האָט דערזען די ליכט די **Grammaire descriptive du yidiche contemporain**, „דעסקריפּטיווע גראַמאַטיק פֿון הײַנטצײַטיקן ייִדיש". דער מחבר פֿון דער גראַמאַטיק איז בערנאַרד (בערל) ווײַסבאָרד, וואָס לערנט ייִדיש און ייִדישע ליטעראַטור אין אוניווערסיטעט „פּאַריז 8". צוזאַ־מען מיט יצחק ניבאָרסקין האָט ווײַס־באָרד זיך באַטייליקט אין דעם וויכ־טיקן פּראָיעקט פֿון צונױפֿשטעלן דאָס ייִדיש־פֿראַנצויזישע ווערטערבוך, וואָס ווערט ברייט גענוצט אויך מחוץ די פֿראַנצויזיש־רעדנדיקע קרײַזן.

## מאַטעריאַלן פֿון ייִדישן ראַדיאָ אין דער ביבליאָטעק פֿון קאָנגרעס



הענרי סאַפּאָזשניק

די ביבליאָטעק פֿון קאָנגרעס האָט באַקומען אַ מתּנה — אַ קאָלעקציע און רעקאָרדירונגען, פֿאָטאָגראַפֿיעס און אַנדערע זאַכן, וואָס האָבן אַ שײַכות צו דער געשיכטע פֿון ייִדישן ראַדיאָ אין אַמעריקע. די מתּנה האָט געגעבן הענרי (הענעך) סאַפּאָזשניק, וואָס איז דער דירעקטאָר פֿון דעם אינסטיטוט פֿאַר ייִדישער קולטור בײַם אוניווערסיטעט אין וויסקאָנסין־מעדיסאָן.

די קאָלעקציע איז כולל מער ווי טויזנט פּלאַטעס, וואָס מע האָט רעקאָרדירט אין די יאָרן 1929–1961. די בלי־צײַט פֿון דעם ייִדישן ראַדיאָ איז געווען אין די 1940ער און 1950ער יאָרן.

# פֿאַר קליין און גרויס

## ייִדישע מעשׂיות פֿון בעלץ

איבערדערציילט
פֿון באָריס סאַנדלער



# אַ מעשׂה פֿון אַ פֿאַרטריבענער טאָכטער

אַמאָל האָט אין בעלץ געוווינט אַ רײַכער ייִד, אַ סוחר. האָט ער געהאַט אַן איין און איינציקע טאָכטער – אַ שיינהייט, אַ געמאָלטע קראַסאַוויצע. דערצו האָט זי געהאַט אַ ווייל האַרץ און מיט אַ ברייטער האַנט פֿלעגט זי טיילן נדבֿות און געבן אַ סך צדקה.

אַז ס'איז אָבער באַשערט אַ צרה, טרעפֿט זי אויך די רײַכע און ברייט־האַרציקע. איז בײַם סוחר געשטאָרבן דאָס ווײַב און די טאָכטער איז געבליבן אַ יתומה.

אין אַ צײַט אַרום האָט דער סוחר ווידער חתונה געהאַט. די שטיפֿמוטער, ווען זי האָט זיך דערוווּסט, אַז דעם סוחרס טאָכטער טיילט נדבֿות און צדקה מיט דער ברייטער האַנט, האָט זי אָנגעהויבן אַרבעטן מעשׂים. זי איז אַוועק צום מאַן און זיך געקלאָגט פֿאַר אים, אַז דאָס מיידל וועט זיי חרובֿ מאַכן, צעטרענצלען זייער גאַנץ פֿאַרמעגן.

האָט דער סוחר געלאָזט רופֿן די טאָכטער צו זיך און איר אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל ניט טיילן אַזוי פֿיל צדקה. די טאָכטער האָט אָבער באַלד פֿאַרשטאַנען פֿון וועמען דער פֿאַרוווּרף קומט אַרויס. זי האָט פֿײַנט באַקומען די קאַרגע שטיפֿמוטער און געמאַכט איר אויף קאַפּויער – צעטיילט נדבֿות און צדקה נאָך מער ווי פֿריִער.

איז די שטיפֿמוטער געקומען צו לויפֿן צום מאַן מיט אַ געוויין און מיט אַ תּנאַי – אָדער זי, אָדער זײַן טאָכטער! – ביידע אונטער איין דאַך קאָנען זיי מער ניט וווינען. די שטיפֿמוטער האָט אַזוי געשריִען און געפּילדערט, אַז ווי גרויס דעם סוחרס הויז זאָל ניט געווען זײַן, זײַנען אירע געשרייען דערגאַנגען אויך צום סוחרס טאָכטער. כּדי ניט שטעלן דעם טאַטן פֿאַר אַ ביטערער ברירה, האָט די טאָכטער אַליין באַשלאָסן צו פֿאַרלאָזן די היים. זי האָט אַרײַנגעלייגט אין אַ זאַק אירע באַליבטע חפֿצים און זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

ווי אַ סך וועגן אַמאָל, האָט דער וועג פֿון איר היים־שטאָט אין דער וועלט אַרײַן געפֿירט דורך אַ געדיכטן שוואַרצן וואַלד. די נאַכט איז צוגעפֿאַלן גיך און דאָס מיידל האָט זיך פֿאַרבלאָנדזשעט. האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּניאָק און אָנגעהויבן שטיל וויינען און זינגען:

ביימער רינגלען מיך אַרום –
הויכע, שטאַלטנע ברידער,
בענקט אַ מיידל שטיל און פֿרום –
אויפֿן האַרץ ווערט מילדער...

אַ ליד, זאָגט מען, מאַכט די נאַכט קירצער, און דער קאַיאָר – די נשמה ליכטיקער. די פֿייגעלעך צוויטשען, די בלעטער רוישן, קלאַפּט דאָס יונגע האַרץ שטאַרקער. זעט דאָס מיידל עס גייט איר אַנטקעגן אַן אַלטער מאַן. פֿרעגט ער זי: „וואָס טוסטו דאָ, מײַן קינד?“ האָט איר דאָס מיידל אַלץ דערציילט; די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי זי קומט אַהער. האָט דער אַלטער געזאָגט צו איר: „קום מיט מיר, מײַן קינד. אָט איז דער וועג, וואָס ער וועט דיך ברענגען אינעם שטעטל קאַפּרעשט. דאָרט זאָלסטו זיך פֿרעגן פֿאַרן הקדש, וועסטו האָבן ווו צו זײַן“.

און אַזוי איז געווען. זי איז אַרויס פֿונעם וואַלד און איז געגאַנגען מיט דעם וועג ביז ער האָט זי געבראַכט צום שטעטל קאַפּרעשט. און אַז זי איז אַרײַנגעקומען אין דעם שטעטל, איז שוין געווען פֿרײַטיק פֿאַר נאַכט. זי איז געווען הונגעריק און דאָרשטיק, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ פּריזבע לעבן אַ הויז און ווידער אָנגעהויבן שטיל וויינען און זינגען:

ציגן בלאָנדזשען אין די געסלעך,
רײַסן הינט זיך פֿון דער קייט,
האָט דער טאַטע מיך פֿאַרגעסן –
טרינקען זיך בין איז שוין גרייט.

אין דעם הויז האָט געוווינט דער אָרטיקער רבי מיט זײַן רביצן, וואָס האָבן געהאַט אַן איין־און־איינציקן זון. די רביצן איז שוין גרייט געווען ליכט־בענטשן, ווען זי האָט דערהערט, אַז עמעצער וויינט און זינגט אַזוי אומעטיק אונטערן פֿענצטער. אַרויסגעקוקט אין דרויסן, האָט זי דערזען דאָס מיידל. האָט זי געפֿרעגט: „וואָס איז מיט דיר געשען, מײַן קינד?“ האָט דאָס מיידל איר דערציילט, אַז זי איז פֿאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אין וואַלד און איז געבליבן אויף שבת אין דרויסן. די רביצן האָט געהאַט אַ ווייך האַרץ, האָט זי פֿאַרבעטן דאָס מיידל צו זיך אין שטוב: „קום אַרײַן, וועסטו בײַ מיר ליכטבענטשן, בלײַבן איבער שבת און זונטיק וועל איך דיך אָפּפֿירן אין הקדש.“

אַזוי איז געווען. ווען זונטיק איז געקומען, האָט דאָס מיידל זיך אָנגעהויבן בעטן בײַ דער רביצן: „לאָזט מיך דאָ איבער בײַ אײַך. כ'וועל זײַן אַ גוטע דינסט, בלויז פֿאַר דעם עסן און טרינקען“. האָט איר די רביצן געענטפֿערט: „כ'וואָלט דיך געלאָזט, נאָר איך האָב ניט קיין אָרט פֿאַר דיר, סײַדן אויפֿן אויוון...“ – „זאָל זײַן אויפֿן אויוון, – האָט דאָס מיידל זיך דערפֿרייט, – אַבי ניט גיין אין הקדש!“

דער קאַפּרעשטער רבי איז אין דעם שטעטל געווען זייער באַליבט. רײַכע באַלעבאַטים, אַז זיי פֿלעגן מאַכן חתונה אַ קינד, אָדער עפּעס אַן אַנדער

(המשך אויף זײַט 5)

# אַ מעשׂה פֿון אַ פֿאַרטריבענער טאָכטער

(המשך פֿון זײַט 4)

שׂימחה, איז דער רבי מיט זײַן רביצן און דעם זון געווען צווישן די בכּבֿודיקסטע געסט. נו, האָט בײַ אַ רײַכן ייִד חתונה געהאַט זײַן זון. האָט מען אַוודאי אויך פֿאַרבעטן דעם רבי מיט דער רביצן און זייער זון. זײַנען זיי אַלע אַוועק צו דער חתונה, און דאָס דינסטמיידל איז געבליבן אין דער היים.

ווי קאָן דען אַ מיידל אײַנזיצן אין שטוב, אַז אין שטעטל איז אַ חתונה. איז זי אַראָפּ פֿון דעם אויוון, אַרויסגענומען פֿונעם זאַק, וואָס זי האָט געבראַכט מיט זיך פֿונעם טאַטנס היים – אַ טײַער קלייד, דאָס גאָלדענע צירונג, די געצאַצקלטע שיכעלעך און זיך אַזוי שיין אויסגעפּוצט, אַז ס'איז שווער געווען זי צו דערקענען.

ווען זי איז געקומען צו דער חתונה, האָבן אַלע געסט שוין ניט געקאָנט אָפּפּירן פֿון איר קיין אויג. קיינער האָט ניט פֿאַרשטאַנען פֿון וועמענס צד זי איז, צי פֿונעם חתנס, צי פֿון דער כּלהס? דערווײַל האָבן אַלע ייִנגלעך געוואָלט מיט איר כאַפּן אַ טענצל, און זי האָט קיינעם ניט אָפּגעזאָגט. דעם רבינס זון האָט מיט איר אויך געוואָלט טאַנצן און אַז ער האָט זיך צו איר צוגעכאַפּט, האָט ער שוין מער קיינעם צו איר ניט צוגעלאָזט. געטאַנצט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן. סוף־כּל־סוף, האָט זי זיך פֿון אים אַרויסגעדרייט און אַנטלאָפֿן צום רבי אַהיים. דאָרט האָט זי זיך ווידער איבערגעטאָן אין אירע טראַנטעס און איז אַרויף צוריק אויפֿן אויוון. נאָר דעם רבינס זון האָט שוין קיין רו ניט געהאַט, געהאַלטן אין איין טראַכטן וועגן יענעם שיינעם מיידל, וואָס האָט זיך פּלוצעם געיאַוועט, ווי אַ שיינער חלום, און ווידער פֿאַרשוווּנדן געוואָרן.

אין אַ צײַט אַרום איז געווען אַ




חתונה בײַ אַן אַנדער גבֿיר פֿון שטעטל. האָט מען ווײַטער פֿאַרבעטן דעם רבי מיט דער רביצן, מיטן זון. זײַנען זיי אַלע אַוועק צו דער חתונה. קוים דערוואַרט זיך די באַלעבאַטים זאָלן פֿאַרלאָזן די שטוב, האָט דאָס דינסטמיידל זיך אויסגעפּוצט נאָך שענער ווי דאָס ערשטע מאָל און איז אַוועק צו דער חתונה. אָבער איצטער, ווי נאָר דעם רבינס זון האָט זי דערזען, איז ער צו איר צוגעלאָפֿן און זי געבעטן טאַנצן נאָר מיט אים. האָט זי מיט אים געטאַנצט און געטאַנצט ביז זי האָט זיך געכאַפּט, אַז ס'ווערט שפּעט. האָט זי זיך אַרויסגעדרייט פֿון אים און גיך אַנטלאָפֿן אַהיים.

אַזוי ווי דאָס מיידל האָט זיך געאײַלט, האָט זי בײַם אויסטאָן אירע שיינע קליידער ניט באַמערקט, אַז איין אויערינגל האָט זיך פֿאַרטשעפּעט און געפֿאַלן אויפֿן דיל. אַליין האָט זי אָנגעטאָן אירע טראַנטעס און צוריק אַרויף אויפֿן אויוון.

געקומען פֿון דער חתונה, האָט דעם רבינס זון דערזען ווי עפּעס גלאַנצט אויפֿן דיל, אַקוראַט לעבן דעם אויוון, ווו ס'איז געשלאָפֿן דאָס דינסטמיידל. זיך אָנגעבויגן, האָט ער אויפֿגעהויבן דאָס גאָלדענע אויערינגל מיט אַ בריליאַנט. האָט ער זיך פֿאַרקלערט: פֿון וואַנען זאָל זיך דאָ געווען נעמען אַזאַ טײַערע זאַך? דער געדאַנק האָט אים שוין ניט געלאָזט רוען ביז ס'איז ווידער אין שטעטל ניט געווען קיין שׂימחה.

ווי עס פֿירט זיך, זײַנען דער רבי, מיט דער רביצן און זייער זון צו דער פֿריילעכער שׂימחה פֿאַרבעטן געוואָרן. שוין אין לעצטן מאָמענט האָט דעם רבינס זון געזאָגט, אַז ער האָט אַ קאָפּווייטיק און אַז ער וועט קומען שפּעטער. דער רבי מיט דער רביצן זײַנען אַוועקגעגאַנגען און דער זון האָט זיך פֿאַרשפּאַרט בײַ זיך אין צימער.

דאָס דינסטמיידל האָט אָבער ניט געוווּסט, אַז ער איז פֿאַרבליבן אין דער היים. האָט זי זיך גיך איבערגעטאָן, אָבער ווען זי האָט געוואָלט אָנטאָן די שיינע אויערינגלעך אירע, האָט זי זיך ערשט דעמאָלט געכאַפּט, אַז עס פֿעלט איר איין אויערינגל. זי האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו זוכן עס אין אַלע ווינקעלעך פֿונעם רבינס שטוב, אָבער דאָס פֿאַרפֿאַלענע אויערינגל האָט זי ניט געפֿונען. גראָד אין דעם מאָמענט איז פֿון זײַן צימער אַרויסגעגאַנגען דעם רבינס

(סוף אויף זײַט 6)

# אַ מעשׂה פֿון אַ פֿאַרטריבענער טאָכטער

(סוף פֿון זײַט 5)

זון. ער האָט צו איר אויסגעשטרעקט די האַנט און געזאָגט: „אפֿשר זוכסטו דאָס אויערינגל?״

דאָס מיידל האָט אים שוין געמוזט דערציילן דעם גאַנצן אמת, ווער זי איז און פֿאַר וואָס איז זי אַוועק פֿון איר טאַטנס שטוב. זי האָט געבעטן דעם רבינס זון ער זאָל זײַנע עלטערן גאָרניט זאָגן, אַנדערש וועט זי מוזן פֿאַרלאָזן זייער שטוב און גיין וווינען אין הקדש. דער זון האָט טאַקע געהאַלטן וואָרט, אָבער אויסבאַהאַלטן, אַז ער האָט זיך פֿאַרליבט אין דעם דינסטמיידל און וויל מיט איר חתונה האָבן, האָט ער ניט געקאָנט. האָט זיך אין שטוב אויפֿגעהויבן אַ גערודער: „וואָס הייסט עפּעס, אַ רבינס אַ זון זאָל גאָר חתונה האָבן מיט אַ דינסטמיידל? ניין, מיר וועלן דאָס ניט דערלאָזן!״

דערהערט אַזאַ זאַך, איז דער זון דערפֿון קראַנק געוואָרן. נאָר איין מאָל קראַנק! ער עסט ניט, ער שלאָפֿט ניט, צאַנקט ווי אַ ליכט. האָט מען געשיקט ברענגען פֿון בוקאַרעסט דעם בעסטן דאָקטער, אַ פּולער פּראָפֿעסאָר פֿון נערוון־שלאַפֿקייטן. האָט דער פּראָפֿעסאָר אויסגעטאַפּט דעם רבינס זון פֿון אַלע זײַטן און זיך אַ ווײַלע פֿאַרטראַכט. אין דער צײַט איז אין שטוב אַרײַנגעקומען דאָס דינסטמיידל מיט צוויי עמער וואַסער. דער פּראָפֿעסאָר האָט זי דערזען און געפֿרעגט, ווער דאָס מיידל איז. האָט אים די רביצן אַלץ דערציילט.

דעמאָלט האָט דער דאָקטער ערנסט געזאָגט: „אײַער זון האָט עפּעס אַ פֿאַרלאַנג, און אַז מע וועט אים דעם פֿאַרלאַנג ניט נאָכגעבן, קאָן ער שטאַרבן.״ האָבן דער רבי מיט דער רביצן אַלץ פֿאַרשטאַנען און זיך באַרעכנט, אַז איידער צו פֿאַרלירן דעם זון, זאָל ער שוין בעסער חתונה האָבן מיטן דינסטמיידל.

און אַזוי איז געווען. זיי האָבן צונויפֿגערופֿן די באַלעבאַטים פֿון גאַנץ קאַפּרעשט און מ׳איז געגאַנגען שטעלן אַ חופּה. דערווײַל איז די רביצן אַרײַן צום דינסטמיידל און האָט איר געזאָגט, אַז זי האָט פֿאַר איר אויפֿגענייט אַ ווײַס קליידל צו דער חתונה. האָט דאָס מיידל איר געענטפֿערט, אַז זי האָט אַן אייגן קליידל אָנצוטאָן. און זי האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון איר זאַק איר מוטערס חופּה־קלייד, וואָס זי האָט פֿאַרכאַפּט מיט זיך פֿון איר טאַטנס שטוב. אַ קליידל – אַ שיינהייט, אויף אַלע ייִדישע כּלות געזאָגט געוואָרן!

שוין נאָך דער חופּה האָט דאָס מיידל אַלעמען דערציילט, ווער זי איז. האָבן זיך אַלע געפֿרייט, און מער פֿון אַלע האָבן זיך געפֿרייט דער רבי מיט דער רביצן. אַ קלייניקייט – אַזאַ ייִחוס!

אין אַ יאָר אַרום נאָך דער חתונה, ווען זי האָט שוין געדאַרפֿט האָבן אַ קינד, איז איר געקומען צו חלום דער אַלטער מאַן, וואָס האָט זי אַמאָל אַרויסגעפֿירט פֿונעם וואַלד. פֿון אים האָט זי זיך דערוווּסט, אַז איר טאַטע איז פֿאַראָרעמט געוואָרן און בעטלט ערגעץ אַרום קאַפּרעשט. און נאָך האָט דער אַלטער געזאָגט, אַז זי וועט האָבן אַ זון און צו דעם ברית זאָל זי פֿאַרבעטן אַלע אָרעמעלײַט פֿונעם שטעטל. און אַז זי וועט דערזען איר טאַטן, זאָל זי הייסן אים געבן עסן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, נאָר אָן זאַלץ.

און אַזוי איז געווען. זי האָט געהאַט אַ ייִנגל, געמאַכט אַ ברית און האָט געהייסן, מע זאָל שטעלן אַ טיש פֿאַר אַלע אָרעמעלײַט. ווען יעדער פֿון זיי וועט אָפּעסן, זאָל ער אַרײַנקומען צו איר און זאָגן: „מזל־טובֿ!״ – וועט זי אים געבן אַ זילבערנע מטבע. אינעם טאָג פֿונעם ברית האָבן זיך בײַם רבינס שטוב צונויפֿגענומען אַלע קבצנים פֿון קאַפּרעשט. די יונגע מאַמע איז געשטאַנען בײַם פֿענצטער און האָט געזען ווי איר טאַטע גייט אַרײַן – אַלט און צעבראָכן.

האָט זי געזאָגט דעם שמשׂ: „אָט יענעם אַלטן מאַן זעצט אַוועק בײַ אַ באַזונדערן טיש און אַלע עסנס וואָס מע וועט אים געבן, זאָלן זײַן אָן זאַלץ. קוקט, אַז אויך אויפֿן טיש זאָל קיין זאַלץ ניט שטיין!״. איז אַזוי געווען. מ׳האָט אים דערלאַנגט פֿיש, וואָס האָבן זייער גוט געשמעקט, נאָר ער האָט די פֿיש ניט געקאָנט עסן, ווײַל ס׳איז געווען אָן זאַלץ. האָט מען אים דערלאַנגט זופּ, האָט ער אויך ניט געקאָנט עסן, ווײַל ס׳איז געווען אָן זאַלץ. ער האָט געזען ווי אַלע עסן, אָבער ער קאָן קיין שטיקל ניט אַראָפּשלינגען – קיין טעם האָט עס ניט!

קורץ נאָכן עסן, זײַנען אַלע אַרײַנגעגאַנגען צו דער יונגער מאַמע, אָפּצוגעבן איר „מזל־טובֿ״. דערנאָך האָט יעדער געקראָגן אַ נדבֿה, אַ זילבערנע מטבע. ווען דער אַלטער מאַן איז אַרײַנגעגאַנגען אָפּגעבן זײַן „מזל־טובֿ״, האָט די טאָכטער אים געפֿרעגט, צי איז אים געווען געפֿעלן דאָס עסן. האָט ער געענטפֿערט: „יאָ, מײַן קינד, ס׳האָט אויסגעזען זייער שיין און גוט, נאָר איך האָב עס ניט געקאָנט עסן.״ האָט זי אים געפֿרעגט: „פֿאַר וואָס?״ – „ווײַל דאָס עסן איז געווען ניט געזאַלצן און האָט ניט געהאַט קיין טעם״. – „אַזוי איז מיר אויך געווען, טאַטע!״ – האָט געזאָגט די טאָכטער, – „מײַן לעבן האָט קיין טעם ניט געהאַט, ווען איך האָב געמוזט אַוועקגיין פֿון דער היים און זיך לאָזן אין דער וועלט אַרײַן״.

אַזוי ווי דער אַלטער האָט עס דערהערט, האָט ער גלײַך דערקענט, אַז דאָס איז טאַקע זײַן אייגענע טאָכטער. איז ער איר געפֿאַלן צו די פֿיס און געבעטן, זי זאָל אים פֿאַרגעבן. האָט זי אים אַלץ מוחל געווען. און זיי האָבן אַלע געלעבט צופֿרידן און גליקלעך.

# דער פּאַריזער סימפּאָזיום „ייִדיש — נאָך אַלץ און ווײַטער"

(המשך פֿון ערשטער זײַט)

„יוגנטרוף", האָט איבערגעראַשט די צוהערערס מיט זײַן גרוס פֿון „ייִדיש־וואָך" און „ייִדיש־פֿאַרם", צוויי אונטערנעמונגען, איינע אַן עלטערע און אין אַמעריקע אַ גוט־באַקאַנטע, די צווייטע אַ שפּאָגל נײַע, וואָס פֿון ביידע האָט דער אייראָפּעיִשער עולם ווייניק געוווּסט ביז אַהער.

הינדע־העניע בורשטין (מעלבורן, מאָנאַש־אוניווערסיטעט) האָט דורך רייד און דורך פּראָיעקטירטע דאָקומענטן באַוויזן אַ ספּעציפֿישע אויסטראַליער ווירקלעכקייט: אַ דינאַמישע ייִדישע אָנהייבשול מיט אַ בכּבֿודיק פּלאַץ פֿאַרן ייִדיש־לימוד, וואָס קריגט אין יענע מקומות אַ וויכטיקן המשך אויף די מדרגות פֿון מיטעלע און העכערע לימודים.

אויף דער זיצונג אָפּגעגעבן הײַנטצײַטיקער ייִדישער שעפֿערישקייט האָט דאָס ערשטע וואָרט געהאַט די פּאָעטעסע מאַרינע אַלעקסייעוואַ (פּאַריז), וועלכע האָט באַלויכטן די ראַנגלענישן פֿונעם איציקן שעפֿער אויף ייִדיש אין ליכט פֿון ענלעכע שטימונגען בײַ פּאָעטן פֿון פֿריִערדיקע דורות – אַ ראַיה, אַז שאַפֿן אויף מאַמע־לשון איז אַלע מאָל געווען אַ פּראָבלעמאַטישער באַשלוס, וואָס קען אָבער אויך הײַנט, ווי אַ מאָל, ברענגען ווערטפֿולע רעזולטאַטן.

ווײַטער האָבן מענדי כּהנא (תּל־אָבֿיבֿ) און מיישקע אַלפּערט (ניו־יאָרק) געבראַכט באַטראַכטונגען און בײַשפּילן בנוגע דער באַנײַונג פֿון ייִדישן זינגליד. דער עולם האָט שטאַרק אָפּגעשאַצט מענדל כּהנאס ברען און מיישקע אַלפּערטס געדאַנק וועגן דער נייטיקער מערשפּראַכיקייט פֿון נײַ־געשאַפֿענע לידער אין פֿאָלקסגײַסט. ברײַנע וואַסערמאַן, וואָס האָט אָנגעפֿירט מיטן ייִדישן טעאַטער אין מאָנטרעאָל און איז איצט ממשיך אין ניו־יאָרק, האָט געגעבן אַ ברייטן איבערבליק איבער דעם איציקן זינען פֿון דער טעאַטער־אַקטיוויטעט אויף ייִדיש.

מער ווי אַלץ האָט געמאַכט אַ רושם די זיצונג וועגן „ייִדיש אויף דער אינטערנעץ". אַפֿילו די, וואָס פֿאָרען זיך כּסדר אַרום ייִדיש, האָבן מערסטנס נאָך נישט באַנומען אַלע דערגרייכונגען און אַלע פֿאַרמעסטן וואָס די אינטערנעץ שטעלט מיט זיך פֿאָר. דרײַ יונגע ספּעציאַליסטן דערפֿון האָבן איבערגעגעבן אַ פֿאַרכאַפּנדיקע פּאַנאָראַמע. נאַטאַליע קריניצקאַ (פּאַריז) האָט, ווי די הויפּט־ביבליאָטעקאַרשע פֿון דער מעדעם־ביבליאָטעק, דערקלערט ווי אַזוי עס שאַפֿט זיך צו ביסלעך אַ ווירטועלע ייִדיש־ביבליאָטעק, וועלכע פֿילט שטאַפּלעכנווײַז אויס די בלויזן, פֿון וועלכע עס לײַדן אַפֿילו די גרעסטע ייִדיש־זאַמלונגען אויף דער וועלט.

אַקווילע גריגאָראַוויטשיוטע (פּאַריז, מעדעם־ביבליאָטעק), האָט פּונקט אַזוי גרינטלעך דערקלערט די נייטיקייט פֿון פּעריאָדיק־קאַטאַלאָגן און פּעריאָדיק־זאַמלונגען. יואל מאַטוועיעוו (ניו־יאָרק, זשורנאַליסט אין „פֿאָרווערטס"), האָט איבערגעגעבן וועגן נײַע אָרטאָגראַפֿישע, טערמינאָלאָגישע און לעקסיקאָגראַפֿישע מיטלען און מכשירים וואָס קומען אויף אין דער ווירטועלער ספֿערע, צום טייל, אַ דאַנק זײַן אייגענער אַרבעט. אַזוי אַרום האָט דער עולם פֿאַרשטאַנען אַז די שפּראַך, וואָס איז כּלומרשט בלויז עבֿר, האָט הײַנט צו טאָג יונגע ספּעציאַליסטן, אמתע קענערס און גלײַכצײַטיק געניטע פֿאַכלײַט, וואָס שאַפֿן פֿאַר איר אַ בכּבֿודיק אָרט אין דער ייִנגסטער און אַקטיוויסטער ספֿערע פֿונעם איציקן לעבן.

פֿול מיט עמאָציע איז געווען די זיצונג וועגן „יחידישע לעבנסוועגן". די סימפּאָזיום־אָרגאַניזאַטאָרן האָבן געהאַלטן, אַז עס דאַרף אויף עפּעס אַן אופֿן אַרויסקומען די קאָמפּליצירטקייט פֿון די פֿיל אופֿנים ווי ייִדיש ווירקט אינעם לעבנסגאַנג פֿון פּערזענלעכקייטן וואָס צייכענען זיך הײַנט אויס אין אונדזער תּחום. דאָס איז געשען דורכן וואָרט פֿון דרײַ פֿיגורן פֿון דער פּאַריזער ייִדיש־סבֿיבֿה. מישעל טאַובער, אַ באַליבטע ייִדיש־זינגערין און לעקטאָרין וואָס איז גלײַכצײַטיק העברעיִש־פּראָפֿעסאָרין אויפֿן אוניווערסיטעט; בערל ווײַסבראָט, אַ מאַטעמאַטיק־לערער, אָבער אויך פֿאָרשער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, לעקסיקאָגראַפֿיע און גראַמאַטיק, וואָס האָט לאַנגע יאָרן געגעבן ייִדיש־לעקציעס אויפֿן אוניווערסיטעט, און בתיה בוים, אויסגעצייכנטע איבערזעצערין פֿון ייִדישער ליטעראַטור אויף פֿראַנצייזיש.

די אָפּשליס־זיצונג, „ווערט און ווערטן פֿאַר דער צוקונפֿט", האָט אויך איבערגעראַשט מיט דער שפֿע נײַע געדאַנקען און באַלײַכטונגען. בעני מר, ליטעראַטור־רעדאַקטאָר אין דער ישׂראלדיקער העברעיִשער צײַטונג „הארץ" און רעדאַקטאָר פֿון דער צײַטשריפֿט „דווקא", געווידמעט דער ייִדיש־קולטור, האָט אַנאַליזירט די אַמאָליקע און הײַנטיקע שײַכותן צווישן ייִדיש און העברעיִש אין ארץ־ישׂראלדיקן ייִשובֿ און אין דער מדינה.

דער סימפּאָזיום האָט איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן רושם אויף אַלע באַטייליקטע און צוהערערס. נאָכן אָפֿיציעלן אָפּשלוס איז נאָך פֿאָרגעקומען אין אַ פֿול געפּאַקטן טעאַטער אַ קאַבאַרעט־אָוונט מיטן באַליבטן ספּעקטאַקל־קינסטלער מענדי כּהנא און מיטן טאַלאַנטירטן פֿידלער עריק סלאַביאַק. זייער אויפֿטריט וועט נאָך לאַנג ליגן אין טעם בײַ די פּאַריזער ייִדיש־ליבהאָבערס און זייערע געסט.

# נאָך מער, צי אַפֿשר אַלע, ייִדישע ביכער וועלן זיך באַווײַזן אין אינטערנעץ

אַ דאַנק דעם ייִדישן ביכער־צענטער (www.yiddishbookcenter.org), זײַנען טויזנטער ייִדישע ביכער צוטריטלעך געוואָרן דורך אינטערנעץ; דערצו, איז עס אין גאַנצן פֿרײַ פֿאַר איטלעכן באַניצער. ווי עס האָט אונטערגעציילט דער צענטער, האָט מען שוין 350 טויזנט מאָל זיך געוואָנדן צו דער דאָזיקער עלעקטראָנישער ביבליאָטעק. בינו־לבינו, ווערט אַנטוויקלט די פּראָגראַם, וואָס וועט דערלויבן צו זוכן אַ וואָרט צי אַ פֿראַזע אין אָט דעם ריזיקן באַנק פֿון ייִדישע טעקסטן. אַזאַ זאַך וועט ממש ברענגען אַ רעוואָלוציע אין ייִדישער פֿאָרשונג.

יעדערער וואָס נוצט די עלעקטראָנישע ביבליאָטעק ווייסט, אַז דערווײַל בלײַבט נאָך אַ גרויסע צאָל ייִדישע ביכער ניט צוטריטלעך. דאָס פֿילן, אַ שטייגער, די לײַט, וואָס זוכן ביכער פֿון סאָוועטישע פֿאַרלאַגן. אַ סבֿרא, אַז אין אַ צײַט אַרום וועט מען דעם בלויז ניט האָבן. די ביבליאָטעק פֿון דעם העברעיִשן אוניווערסיטעט (וואָס איז גלײַכצײַטיק די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק פֿון מדינת־ישׂראל) קלײַבט זיך צו דיגיטאַליזירן 24 טויזנט ייִדישע ביכער. דער פּראָיעקט וועט קאָאָרדינירט ווערן מיטן ייִדישן ביכער־צענטער.

*   *   *

דער ייִדישער ביכער־צענטער באַשעפֿטיקט זיך איצט אויך מיט אודיאָ־ביכער, בפֿרט מיט די רעקאָרדירונגען וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין דער מאָנטרעאָלער ייִדישער עפֿנטלעכער ביבליאָטעק. די אידעע באַשטייט אין מאַכן זיי צוטריטלעך דורך אינטערנעץ, אַז דער באַניצער זאָל קענען סײַ לייענען, סײַ הערן, דעם ייִדישן טעקסט.



## וויצן

אַ ייִד האָט געקויפֿט אַ הויז לעבן אַ קאַטוילישן קלויסטער. און דער גאַנצער ייִשוב, ווו ער האָט זיך באַזעצט, איז געווען אַ קאַטוילישער. יעדן דאָנערשטיק, ווען די קאַטוילישע תּושבֿים האָבן געגעסן פֿיש, פֿלעגט דער ייִד בראָטן פֿלייש בײַ זיך אין גאָרטן. און דאָס האָט, פֿאַרשטייט זיך, גערייצט זײַנע שכנים. האָבן זיי גענומען אײַנרעדן דעם ייִדן, ער זאָל זיך שמדן, ווערן אַ טייל פֿון זייער געזעלשאַפֿט. סוף־כּל־סוף, האָבן זיי אים אײַנגערעדט. בעת דעם ריטואַל האָט דער גלח אים באַשפּריצט מיטן הייליקן וואַסער און געזאָגט דערצו:

„ביסט געבוירן געוואָרן אַ ייִד. ביסט אויסגעוואַקסן ווי אַ ייִד. אָבער איצט ביסטו אַ קריסט.“

די שכנים האָבן גרינג אָפּגעעטעמט. אָבער דעם קומענדיקן דאָנערשטיק האָט זיך צו זיי ווידער דערטראָגן דער ריח פֿון געבראָטן פֿלייש. גייען זיי צו צו דעם ייִדנס הויז און זעען, אַז ער פּאָרעט זיך מיט אַ שטיקל פֿלייש און זאָגט דערצו:

„ביסט געבוירן געוואָרן אַ קו. ביסט אויסגעוואַקסן ווי אַ קו. אָבער איצט ביסטו אַ פֿיש.“



אַ ייִד האָט געקויפֿט בײַ אַ פּויער אַ קו. יענער האָט אים צוגעזאָגט צו ברענגען די בהמה און איז טאַקע גע־קומען אין אַ טאָג אַרום, אָבער אַליין.

„ווו איז די קו?“ – פֿרעגט דער ייִד.

„זי האָט געפּגרט“ – ענטפֿערט דער פּויער.

„אויב אַזוי, טאָ גיב מיר צוריק דאָס געלט, די הונדערט רובל“ – פֿאָדערט דער ייִד.

„איך האָב עס שוין ניט. אַלץ איז פֿאַרשיכּורט און צעטרענצלט געוואָרן“ – דערציילט דער פּויער.

„טאָ ברענג מיר כאָטש די פּגירה“ – בעט אים דער ייִד.

„וואָס וועסטו מיט איר טאָן?“ – חידושט זיך דער פּויער.

„זאָרג זיך ניט. כ׳וועל מאַכן אַ לאָטערייע“ – דערקלערט דער ייִד.

אין אַ צײַט אַרום באַגעגנט דער פּויער דעם ייִדן און פֿרעגט בײַ אים וועגן דער לאָטערייע.

„ס׳איז געגאַנגען גאָר ניט שלעכט. איך האָב פֿאַרקויפֿט 500 בילעטן צו צוויי רובל“ – באַרימט זיך דער ייִד.

„און קיינער האָט ניט געמאַכט קיין סקאַנדאַל?“ – וווּנדערט זיך דער פּויער.

„נאָר איין מענטש איז געווען אויפֿ־געבראַכט. דאָס איז געווען דער יחיד, וואָס האָט געוווּנען די קו. האָב איך טאַקע געמוזט אים אומקערן זײַנע צוויי רובל.“